**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אוועקשטעלונג פון קאמיוניטי הילף מאנשאפטן צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס באקומען וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג**

***געשעענישן באשטימט אין עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צו פארבינדן קאמיוניטיס מיט נויטיגע מיטלען און פינאנצירונג פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען***

***קאמיוניטי הילף מאנשאפטן זענען אוועילעבעל זיך צו דורכרעדן מיט זיי אויפן ארט אדער פונדערווייטנס צו שטיצן פראיעקטן פון די פלאנירונג שטאפלען ביזן פארענדיגט ווערן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אן איניציאטיוו וועט אוועקגעשטעלט ווערן צו ארבעטן מיט קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן אדרעסירן זייערע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן. די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) האט צוזאמגעשטעלט קאמיוניטי הילף מאנשאפטן (Community Assistance Teams) צו פארבינדן קאמיוניטיס מיט עקספערטן וועלכע קענען זיי העלפן אונטערנעמען זייערע קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. די מאנשאפטן וועלן צושטעלן קאנסאלטינג אויפן ארט אדער פונדערווייטנס צו העלפן קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט פראאויס שטופן זייער פלאנירונג, אריינגעבן פינאנצירונג אפליקאציעס און אריבערפירן זייערע פראיעקטן ביזן פארענדיגונג.

"צופיל קריטישע וואסער סיסטעמען זענען פארנאכלעסיגט געווארן און געלאזט געווארן אין א חרוב'ע צושטאנד וויבאלד קאמיוניטיס האבן נישט געהאט די נויטיגע שטאב מיטגלידער, רעסאָרסן אדער מומחיות'שאפט צו אונטערנעמען די קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן, אבער דאס קומט היינט צו אן ענדע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די היי-יאריגע עקזעקיוטיוו בודזשעט, וועט מיין אדמיניסטראציע פארזעצן צו אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס האלטן צוריק קאמיוניטיס פון באקומען די פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן צו קענען צוקומען צו ריינע וואסער פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט – א פובליק בענעפיט קארפארעישען וואס שטעלט צו ביליגע הלוואות און גרענטס פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג – ארבעט פון די נאענט מיט די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) און מיט די העלט דעפארטמענט צו ארויסשיקן די קאמיוניטי הילף מאנשאפטן צו ארבעטן מיט קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס. דאס רעכנט אריין אריינגיין אין א שותפות מיט די גאווערנער'ס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils) און לאקאלע ארגאניזאציעס צו אפהאלטן אינפארמאציע צוזאמקומען, דאס אידענטיפיצירן קאמיוניטיס וועלכע האבן רעגולירטע איינריכטונגען און האבן נישט גענוצט געלטער פון די EFC פאר עטליכע יאר, און אזוי אויך אריינגעבן פארלאנגען פאר הילף דירעקט פון לאקאלע

רעגירונגען. מאנשאפטן וועלן צושטעלן פערזענליכע הילף פאר קאמיוניטיס וועלכע פלאנירן צו פארבעסערן זייער עקזיסטירנדע וואסער אינפראסטרוקטור און פאר אזעלכע קאמיוניטיס וועלכע ארבעטן צו בויען נייע וואסער און אפלויף וואסער דיסטריקטס.

**שרייבט אריין אין אייער לוח: אַוטריטש צוזאמקומען**
אַוטריטש צוזאמקומען וועלן יעצט באשטימט פאר די מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי און סאוטערן טיער ראיאנען. נאך צוזאמקומען וועלן אנאנסירט ווערן אויף די EFC'ס וועבזייטל, קאמיוניטיס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען אימעילס פון די EFC.

- **מאוהאק וואלי:** דינסטאג, פעברואר 28, 1-3 נאכמיטאג, Herkimer College, Robert McLaughlin College Center, 100 Reservoir Road, Herkimer, NY 13350. רעגיסטרירט אייך פאר די מאוהאק וואלי צוזאמקום דורכן שיקן אן אימעיל מיט אייער נאמען, קאמיוניטי און קאנטאקט אינפארמאציע צו info@mvedd.org אדער רעגיסטרירט אייך דורך Zoom.
- **נארט קאנטרי:** דינסטאג, מערץ 14, 12:30-3 נאכמיטאג, Essex County Offices, Supervisors Board Room, 7551 Court St., Elizabethtown, NY 12932. רעגיסטרירט אייך דורך די אינטערנעט פאר די נארט קאנטרי געשעעניש.
- **סאוטערן טיער:** אפריל 6, סאוטערן טיער צענטראלע ראיאנישע פירערשאפט קאנפערענץ, Corning Community College, 1 Academic Drive, Corning NY 14830. רעגיסטרירט אייך דורך די אינטערנעט פאר די סאוטערן טיער געשעעניש.

**מאכט אן אפוינטמענט פאר א באגעגעניש**
קאמיוניטי הילף מאנשאפטן זענען אוועילעבעל זיך צו טרעפן מיט לאקאלע רעגירונג בעאמטע פערזענליך אדער פונדערווייטנס אויב עס ווערט פארלאנגט. לאקאלע רעגירונגען קענען זיך פארבינדן מיט די EFC דורך https://efc.ny.gov/CAT צו מאכן אן אפוינטמענט פאר א קאנסאלטעישען מיט א קאמיוניטי הילף מאנשאפט.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO מאורין א. קאולמאן האט געזאגט,** "באדייטנדע סכומים פון פינאנצירונג זענען דא צו באקומען פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג, און די EFC איז איבערגעגעבן צו שענקן די דאלארן פאר די קאמיוניטיס און פראיעקטן וועלכע דארפן עס די מערסטע. די EFC העלפט שוין פון לאנג קאמיוניטיס צוקומען צו געלטער צו קענען אונטערנעמען זייערע קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' איניציאטיוו בויט ארויף אויף די טראדיציע. די EFC איז שטאלץ צו שטיין אין שפיץ פון די קאמיוניטי הילף מאנשאפטן וועלכע וועלן העלפן זיכער מאכן אז קיין איין קאמיוניטי ווערט נישט איבערגעלאזט פון הונטן ווייל זיי האבן נישט די טעכנישע מעגליכקייטן צו מאכן פארשריט אויף א פראיעקט. די EFC'ס איבערגעגעבענע מאנשאפטן שטייען גרייט צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט סטעיט און לאקאלע שותפים ארום די סטעיט, און מיר מוטיגן סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף שטיצע זיך צו פארבינדן מיט אונז."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און EFC באורד פארזיצער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' איניציאטיוו וועט שפילן גאר א וויכטיגע ראלע ביים העלפן אלע ניו יארקע קאמיוניטיס – אפגעזעהן פון די גרויסקייט אדער לאקאציע – ביים צוקומען צו די רעקארד סומעס פון פינאנצירונג וועלכע ווערן צוגעטיילט צו פארבעסערן און אויפבויען וואסער אינפראסטרוקטור. שוואכערע קאמיוניטיס טראגן א שווערע חלק פון די לאסט פון פארפעסטיגונג, און צושטעלן פאר זיי און פאר אונזערע קליינע טאונס און ווילעדזשעס סטעיט מומחים

וועלכע זענען באקאנט מיטן פארשטיין די פראצעדורן פון באקומען פינאנצירונג וועט העלפן פארגרעסערן די הצלחה מיטן עררייכן ריינע וואסער ציהלן און בויען געזונטערע, בליהענדע געגנטער."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "ריינע טרונקען וואסער איז די הויפט פריאריטעט פאר געזונטע, שטאנדהאפטיגע און באפעסטיגטע קאמיוניטיס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו מאכן אליין אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור וואס איז קריטיש פאר פובליק געזונטהייט, קוואליטעט פון לעבן, קאמיוניטי אויפלעבונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. די קלוגע אַטריטש אינציאטיוו וועט העלפן זיכער מאכן אז ניו יארק'ס קלענערע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס באקומען די זעלבע צוטריט צו וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג. מיט די אינציאטיוו וועט קיין איין קאמיוניטי, נישט קיין חילוק ווי גרויס אדער מיט וויפיל מיטלען, נישט איבערגעלאזט ווערן פון הינטן אין ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען."

**צייטווייליגער סטעיט געזונטהייט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס'ס וואסער אינפראסטרוקטור וועט העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער זעצן פאר צו האבן צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער. גאווערנער האקול אנערקענט אז מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו פארזיכערן א ריינע ענווייראמענט און צו צושטעלן די העכסטע קוואליטעט פון טרונקען וואסער וואס איז נאר מעגליך באשיצט די געזונטהייט פון ניו יארקער. די קאמיוניטי הילף מאנשאפטן וועלן ארבעטן מיט אונזערע שותפים סיי אויף סטעיט שטאפלען און סיי אויף לאקאלע שטאפלען צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די פינאנציעלע הילף וואס איז נויטיג צו פארבעסערן זייערע וואסער סיסטעמען."

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. בלויז לעצטנס, אין איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר 2024, האט גאווערנער האקול פארשפראכן צו אינוועסטירן נאך 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ריינע וואסער, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג סומע צו 5 ביליאן דאלאר זינט 2017.

חוץ פון דעם, מיט די באשטעטיגונג פון וויילער פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגער 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act), קומען צו נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס; און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום וויניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418